בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ

וִוי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער הָאט לִיבּ יֶעדְן
אֵיינְצִיגְן אִיד אוּן עֶר וַוארְט נָאר מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ
אִים.

פָּארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

### לֵיל שִׁשִּׁי וַיִּקְרָא תשע"ג

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רו), אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִילִים קיט, קעו): **תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי**; **דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן**: אִיךְ בִּין פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶע שֶׁעפֶּעלֶע, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם: **בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ** – זוּךְ אוֹיף דַיין קְנֶעכְט, **כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי** – וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט פַארְגֶעסְן דַיינֶע מִצְוֹת, אוּן אִיךְ הַאלְט דָאס נָאךְ אַיין[א].

---

[א]עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דֶער קַאפִּיטְל (קי"ט) תְּהִלִים, אִיז גֶעוֶוען דֶער לֶעצְטֶער מִזְמוֹר וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דִי הֶעכְסְטֶע

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן סח): פוּן דִי 'הִתְבּוֹדְדוּת' וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו הַשָׁלוֹם הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר נָאכְדֶעם גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים.

וַוייל דָוִד הַמֶלֶךְ פוּן וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד הָאט עֶר שׁוֹין גֶעלִיטְן צָרוֹת, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאבְּן אִים דִי בְּרוּדֶערְס פַארְטְרִיבְּן, מִיטְן אוֹיסְרֵייד אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין כָּשֵׁר קִינְד (יַלְקוּט המכירי מִזְמוֹר קיח, כח), נָאכְדֶעם הָאט אִים זַיין שְׁוֶוער 'שָׁאוּל' זֵייעֶר גֶע'רוֹדֶפְ'ט, עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר וִויל אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי מְלוּכָה, וַוייל וֶוען עֶר אִיז בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן אוּן עֶר הָאט בַּאוִויזְן צוּ הַרְגֶ'ענֶען גָלְיַת הַפְּלִשְׁתִּי, הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען אַז עֶר אִיז אַסַאךְ מֶער פוּן שָׁאוּל, וָואס הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן גָלְיַת, אוּן דָוִד הַמֶלֶךְ

---

מַדְרֵגָה אוּן הַשָׂגָה וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ צוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עֶס אִיז דָא אִין דִי קַאפִּיטְל אַכְט מָאל דִי 'אַלֶף בֵּית' [תְּמַנְיָא אַפִּי], אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם מוֹרָא'דִיגֶע סוֹדוֹת (עַיֵין בְּסֵפֶר 'אַלֶף בִּינָה', מהרה"ק הַמְקוּבָּל רֶבִּי יַעֲקֹב אַבִּיחַצִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ).

הָאט אִים יָא מַכְנִיעַ גֶעוֶוען, דֶערְפַאר הָאט עֶר אִים אַזוֹי גֶעַ׳רוֹדֶפְ׳ט (שְׁמוּאֵל-א יח, ו-ט).

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט צָרוֹת פוּן זַיין אֵייגֶענֶעם וַוייבּ מִיכַל, וֶוען עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן פַאר דִי סֵפֶר תּוֹרָה מִיט אַן אוֹיסְטֶערְלִישְׁן פְרֵייד, הָאט זִי אִים נָאכְדֶעם פָארְגֶעהַאלְטְן: וָואס אִיז מִיט דִיר, דוּ טַאנְצְט אַזוֹי וִוי דִי לֵיידִיגֵייעֶרְס?! הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעטַאנְצְן פַאר דִי תּוֹרָה! (שְׁמוּאֵל-ב פֶּרֶק ו).

נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלִיטְן פוּן דִי קִינְדֶער מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת, דִי גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן ׳אַמְנוֹן וְתָמָר׳ (שְׁמוּאֵל-ב יג), אוּן נָאכְדֶעם וֶוען זַיין זוּהְן **אַבְשָׁלוֹם** אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַקֶעגְן אִים, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל זַיין אֵייגֶענֶער זוּהְן הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען!!! בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט פוּן יְרוּשָׁלַיִם בַּיי דִי אַרוֹיפְגַאנְג פוּן ׳הַר הַזֵיתִים׳ אוּנְטֶער יְרוּשָׁלַיִם, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט דָארְט אַרוֹיס פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד **שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא**, אוּן עֶר שֶׁעלְט אִים מִיט אַלֶע מִינֵי **קְלָלוֹת**, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים-א קַאפִּיטְל

ב, ח): וְהוּא קִלְלַנִי קְלָלָה נִמְרֶצֶת. זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲזַ״ל (שַׁבָּת ק״ה ע״א): נִמְרֶצֶ״ת אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: נ׳וֹאֵף מ׳וֹאָבִי ר׳וֹצֵחַ צ׳וֹרֵר תּ׳וֹעֵבָה. מִיט אַזַאלֶעכֶע מִיאוּסֶ׳ע לְשׁוֹנוֹת הָאט עֶר אִים גֶעשָׁאלְטְן, אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן גִבּוֹרִים וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט מִיט זִיךְ אֲבִישַׁי בֶּן צְרוּיָה, הָאט גֶעוָואלְט צוּגֵיין צוּ שִׁמְעִי בֶּן גֵּרָא אוּן אִים אָפְּהַאקְן דֶעם קָאפּ, הָאט אִים דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט: מַה לִי וְלָכֶם בְּנֵי צְרוּיָה – וָואס הָאט אִיר זִיךְ אַרַיינְצוּמִישְׁן אוּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר, ״עֶר שֶׁעלְט דֶען פוּן זִיךְ אַלֵיין? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן שֶׁעלְטְן״. אוּן עֶר הָאט דֶעמָאלְטְס זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט (שְׁמוּאֵל-ב טז, ה-יג), אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעוֵויינְט (זֹהַר מִשְׁפָּטִים, דַף קז ע״ב)[ב].

---

[ב] דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רנ): וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז אִין אַ צָרָה אוּן עֶר וֵויינְט, צִיהְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל וִוי לַאנְג אַ מֶענְטְש רֶעדְט זִיךְ נָאךְ אַיין: דֶער וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן, יֶענֶער וֶועט מִיךְ הֶעלְפְן, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, אוּן פוּן הִימֶעל זָאגְט מֶען: זָאל יֶענֶער דִיךְ הֶעלְפְן. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְש קוּמְט צוּם אַנֶערְקֶענוּנְג, אַז קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט וִויל מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען מִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה.

און אַזוֹי הָאט דָוִד הַמֶלֶךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט אוֹיף זִיךְ מוֹרָא׳דִיגֶע מַחְלוֹקֶת, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁקָלִים פֶּרֶק ב, הֲלָכָה ה): עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין דוֹר וָואס עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אִין אִים קַיין לֵיצִים, אַזוֹי וִוי דֶער דוֹר פוּן דָוִד וָואס אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיצָנִים; און מֶען הָאט גֶעמַאכְט פוּן אִים כָּל מִינֵי לֵצָנוּת.

אָבֶּער דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, נָאר פוּן יֶעדֶע צָרָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ פָּסוּק אִין תְּהִלִּים, און עֶר הָאט דָאס גֶעזִינְגֶען מִיט אַ פִידְל, אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דִי גַאנְצֶע סֵפֶר תְּהִלִּים[ג].

ב.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רו): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט חָלִילָה וְחַס, פַארְגֶעסְט עֶר פוּן בַּאשֶׁעפֶער; וַוייל אַז עֶר וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, וָואלְט עֶר זִיךְ וֶוען גֶעשֶׁעמְט

---

[ג] עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט גְלַייךְ אֵיין גַאנְצֶער קַאפִּיטְל, נָאר שְׁטֶענְדִיג נָאךְ אַ פָּסוּק און נָאךְ אַ פָּסוּק, אַזוֹי אִיז נָאכְדֶעם גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶער מִזְמוֹר.

פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אוּן נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן עב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל אַבִּיסְל ווִיסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער וָואס עֶר אִיז דֶער הַאר פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן אַז עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, דֶעמָאלְטְס אַפִּילוּ מֶען וָואלְט אִים אָנְגֶערֵייצְט, אוּן עֶר וָואלְט גֶעהַאט דִי גֶעלֶעגֶענְהֵייט צוּ טוּהְן אַן עֲבֵירָה בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן, דָאךְ וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטְן, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי עִיקָר נִסָּיוֹן אִיז נָאר וַוייל עֶר פַארְגֶעסְט רַחְמָנָא לִצְלָן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה דַף ג ע"א): **אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת** – אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נִישְׁט טוּהְן אַ עֲבֵירָה, נָאר אַז עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ נַארִישֶׁע רוּחַ. קוּמְט אוֹיס לוֹיט דֶעם אַז ווִיפִיל עֲבֵירוֹת אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַזוֹיפִיל **רוּחַ שְׁטוּת** אוּן מְשׁוּגַעַתְ'ן אִיז דָא אִין אִים (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז); וַוייל עֲבֵירוֹת מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע, אוּן עֶר וֵוייסְט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, בִּיז מֶען זֶעהְט

מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אִינְגַאנְצְן צוּרוּדֶערְט, וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר פוּן עֲבֵירוֹת, עֶס אִיז דָא נֶעבֶּעךְ אַ מִיאוּסֶ׳ע תַּאֲוָוה אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז קוּקֶען אוֹיף אַ יֶעדֶע פְרוֹי וָואס גֵייט דוּרְךְ, וָואס דָאס אִיז אַ פָּשׁוּטֶ׳ע קְלָלָה וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי תּוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה - אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט מְשׁוּגָע פוּן יֶעדְן נִישְׁט גוּטְן קוּק רַחְמָנָא לִצְלָן וָואס עֶר קוּקְט. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לו): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן פּוֹגֵם אִין זַיין בְּרִית, אִיז עֶר דוּרְכְדֶעם פּוֹגֵם אִין זַיין מֹחַ, אוּן פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע מְשׁוּגַעַתְ׳ן בִּיז עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע.

ווייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַלְץ מֶער פַארְגֶעסְט עֶר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הֵייסְט, עֶר פַארְגֶעסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין נְשָׁמָה וָואס דָאס אִיז אַ ׳חֵלֶק אֱלֹקֵי מִמַּעַל׳ - אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן דִי הֶעכְסְטֶע פְלֶעצֶער, פוּן ׳עוֹלָם הָאֲצִילוּת׳ בִּיז דִי וֶועלְט, אוּן מֶען הָאט אִים אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ גוּף, אַז יֶעצְט זָאל עֶר אַרְבֶּעטְן מִיט זַיינֶע כּוֹחוֹת, אוּן מִיט דֶעם גוּף וָואס

עֶר הָאט, צוּרִיק צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (נִדָּה ל׳ ע״ב): וֶוען דָאס קִינְד אִיז נָאךְ ׳בִּמְעֵי אִמּוֹ׳ לֶערְנְט מֶען אִים אוֹיס דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר גְלַייךְ וֶוען עֶר קוּמְט אַרוֹיס לָאֲוִיר הָעוֹלָם, קוּמְט אַ מַלְאָךְ אוּן גֶעט אִים אַ שְׁנֶעלְק, אוּן עֶר פַארְגֶעסְט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט מִיט אִים גֶעלֶערְנְט; כְּדֵי יֶעצְט זָאל עֶר דָאס אַלֵיין לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר דָאס אַלֶעס צוּרִיק בַּאקוּמֶען.

אָבֶּער אוֹיבּ חָלִילָה וְחַס אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט פוּן אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין אַז עֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זַיין מֹחַ וֶוערְט אִים אַזוֹי פַארְנַארְט אוּן פַארְדְרֵייט פוּן אַזוֹיפִיל שְׁמוּץ וָואס עֶר הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאמְגֶעקוּקְט, אַז עֶר זֶעהְט שׁוֹין נָאר בִּיטֶער אוּן שְׁוַוארְץ דָאס לֶעבְּן. וַוייל אַז מֶען פַארְלִירְט דֶעם שֵׂכֶל, הָאט מֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (נְדָרִים מ״א ע״א; וַיִּקְרָא רַבָּה א, ו; וְעוֹד): **דַעַת קָנִיתָ** מַה חָסַרְתָּ וְכוּ׳ – אוֹיבּ הָאסְטוּ דַעַת אוּן שֵׂכֶל פֶעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט קֵיין שֵׂכֶל הָאסְטוּ

גָארְנִישְׁט. וָואס הֵייסְט שֵׂכֶל?! **אַתָּה הָרְאֵתָ לָ'דַעַת' כִּי הֲוָיָ"ה הוּא הָאֱלֹקִים אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ** (דְּבָרִים ד, לה). אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶער הָאט שׁוֹין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֲשִׁירוּת.

וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן וֵויינֶען שְׁטֶענְדִיג אַז זֵיי הָאבְּן עֲנִיוּת וְדַחְקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן טַאקֶע אָרִימְקֵייט אוּן עֶנְגְקֵייט, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְלוֹירְן דֶעם שֵׂכֶל אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען קֶען אִים אַלֶעס בֶּעטְן, "בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז דוּ דַארְפְסְט פַּרְנָסָה, וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן"! פְרֶעגְט אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ: פוּן וואוּ וֶועט עֶר מִיר גֶעבְּן? אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אַלֵיין וָואס עֶר פְרֶעגְט אַזַא שְׁאֵלָה אִיז שׁוֹין בִּיטֶער, אוּן עֶר הַאקְט זִיךְ אָפּ זַיין שֶׁפַע.

אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת בְּהַר): אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא כה, כ): **וְכִי תֹאמַר מַה נֹּאכַל.. וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי.** אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט שְׁטֶענְדִיג אַ 'שֶׁפַע' פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיבּ עֶר וָואלְט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן

גֶעוואוּסְט מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט שֶׁפַע, אוּן עֶס וָואלְט אִים קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט, אָבֶער אַז מֶען פְרֶעגְט: 'מַה נֹאכַל', פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ גֶעבְּן פַּרְנָסָה פַאר מַיינֶע קִינְדֶער? וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער? וָואס וֶועט זַיין?! מִיט דֶעם אַלֵיין שְׁנַיידְט מֶען אָפּ דִי שֶׁפַע, מְמֵילָא מוּז שׁוֹין זַיין: 'וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ פְרִישֶׁע בְּרָכָה, אוּן בַּאשַׁאפְן אַ נַייעֶ וֶועג פוּן וואוּ מֶען זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה.

דָאס זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ז ע"ב): **כָּל הָעוֹלָם נִיזוֹנִין בִּ'שְׁבִיל' חֲנִינָא בְּנִי** - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶוערְט גֶעשְׁפַּייזְט נָאר דוּרְךְ מַיין קִינְד רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, וְחַנִינָא בְּנִי דֵי לוֹ בְּקַב חֲרוּבִין - אוּן עֶר אַלֵיין דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי אַ מָאס בָּאקְסֶער פוּן אֵיין עֶרֶב שַׁבָּת בִּיז דִי אַנְדֶערֶע עֶרֶב שַׁבָּת; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (פַּרְשַׁת צַו; וְעוֹד), אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: אַז

דוּרְכְדֶעם וָואס רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ 'שְׁבִיל' [וֶועג], אַז יֶעדֶער אִיד זָאל שׁוֹין קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה. וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (חוּלִין ז ע"ב): רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעזָאגְט: אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה - אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער נָאר אַז פוּן הִימְל הָאט מֶען אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן; אוּן נִישְׁט וַוייל עֶר אִיז אַ גוֹלָם אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוּן דָאס גְלַייכְן. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דִי קְלָארֶע אֶמוּנָה אִין זִיךְ, הָאט עֶר שׁוֹין פַּרְנָסָה, אוּן עֶס פֶעלְט אִים גָארְנִישְׁט.

ג.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם רו): אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין גֶעזִינְדִיגְט, אוֹיבּ הָאט עֶר וֶוען שֵׂכֶל אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, וָואלְט עֶר גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט צוּרִיק קוּמֶען צוּם רִיכְטִיגְן וֶועג, וַוייל עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וַוייט פַארְקְרָאכְן פוּנֶעם גוּטְן

וֶועג, דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער, אַז עֶר הֵייבְּט אָן צוּ בְּלָאנְדְזְשֶׁעןֶ, אוּן אַזוֹי פַאר בְּלָאנְדְזְשֶׁעט עֶר זִיךְ אַלְץ מֶער אוּן מֶער[ז], בִּיז עֶר וֶוערְט אַזוֹי פַארבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּקְרִיכְן פוּן דָארְט.

אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיף אִים דָאךְ רַחְמָנוּת, אוּן עֶר וַוארְט אַז עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז עֶס זָאל גֵיין גוּט פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה זַיין פוּן דִי זִיסְקֵייט אוּן בַּא׳טַעמְ׳טְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא, בְּחֻקֹּתַי): **מִיּוֹם**

---

[ז]וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן צוּ פַארְקְרִיכְן שְׁלֶעפְּט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע, בִּיז מֶען וֶוערְט נֶעבֶּעךְ אַ קַל שֶׁבְּקַלִים, קוֹדֶם טְרַאכְט מֶען וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין אַז דִי קאפְּל וֶועט וֶוערְן קְלֶענֶער? אַזוֹי הֵייבְּט מֶען זִיךְ אָן אַבִּיסְל צוּ שְׁנַיידְן דִי פֵּיאוֹת, דִי בָּארְד, "מֶען פַארְגֶעסְט זִיךְ אַז מִיט דֶעם וָואס מֶען שְׁנַיידְט דִי בָּארְד שְׁנַיידְט מֶען דִי פַּרְנָסָה" (עַיֵּין שַׁעַר הַמִּצְוֹת פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, דִיבּוּר הַמַתְחִיל וְעִנְיַן פְּאַת הַזָּקֵן), אוּן דִי פֵּיאוֹת אַוַודַאי, נָאכְדֶעם טְרַאכְט עֶר: הַיינְט וֶועט עֶר נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין צִיצִית, אוּן תְּפִילִין אֵיין טָאג יָא אֵיין טָאג נִישְׁט רַחְמָנָא לִצְלָן, פוּנֶעם דַאוֶוענֶען הֵייבְּט עֶר אָן צוּ שְׁנַיידְן, עֶר זָאגְט: בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, יִשְׁתַּבַּח, קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בִּיז עֶר גֵייט נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן.

שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת עוֹלָמוֹ נִתְאַוָּה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים - פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט גְלוּסְט עֶר אוּן עֶר וִויל נָאר, אַז מֶען זָאל אִים דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיךְ דֶערְקֶענֶען; אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי וֶועלְט, זָאל מֶען אַנֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט אַ גַן-עֵדֶן, אוּן דָאס גֶעשֶׁעהְט דוּרְכְדֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ נָאר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר רֶעדְט נָאר פוּן בּוֹרֵא-כָּל-עוֹלָמִים.

דֶערְפַאר וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער[ה], אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל עֶר זָאל צוּרִיק

[ה] מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א הָאט דָא מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז בֶּאֱמֶת דִי גַאנְצֶע זַאךְ אַז אַ זָאל פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע נַארִישְׁקֵייט, אוּן אַ גְרוֹיסֶער וואוּנְדֶער, וָואס דָאס קוּמְט נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן וָואס דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירָה, אוּן עֶס פַארְשְׁטָאפְּט אִינְגַאנְצְן דִי מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מָאל בַּיי 'קְרִיאַת שְׁמַע' (בַּמִּדְבָּר טו, לט): **וְלֹא תָתֻרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם.** זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ב ע"ב): **'אַחֲרֵי לְבַבְכֶם'** מֵיינְט מֶען מִינוּת, **'וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם'** מֵיינְט מֶען **נִיאוּף**. וַוייל דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן מִיט אַלֶע שְׁמוּץ, קוּמְט אִים נָאכְדֶעם אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע

קוּמֶען צוּ אִים, לָאזְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט אָפּ, אוּן עֶר דֶערְמַאנְט אִים, דָא גֶעט עֶר אִים ׳עֲנִיוּת׳-אָרִימְקֵייט, דָא וֶוערְט עֶר קְרַאנְק חַס וְשָׁלוֹם, דָא הָאט עֶר מִיט אַ קִינְד צוּ טוּהְן וְכוּ׳, אָבֶער אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, הָאט עֶר שׁוֹין יֶעצְט מֶער קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

---

גֶעדַאנְקֶען פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין קַשְׁיוֹת: וואוּ אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער? וָואס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער? אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דִי לוּפְט וָואס עֶר אָטֶעמְט אִיז אֵיין שְׁטִיק ׳אֱלֹקוּת׳, עֶר אָטֶעמְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער נִישְׁט קַיין לוּפְט, אַזוֹיווִי דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת פִּנְחָס דַף רמה ע״ב) ׳אֲוִיר׳ [לוּפְט] אִיז דִי אוֹתִיּוֹת **אוֹר י׳** - דִי לֶעכְטִיקֵייט אוּן חָכְמָה פוּן בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין.

דָאס אִיז אֵיינְס פוּן דִי טַעֲמִים פַארְוָואס פַאר דִי וֶועלְט אִיז שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען ׳בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידוּת׳, אוּן מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶר חֲסִידִים, וַוייל דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אִיז פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קא): דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז דָאךְ זִיכֶער הֶעכֶער פוּן יֶעדְן אוּן פוּן אַלֶעם, דָאךְ אִיז עֶר אוֹיךְ פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁיטוּת; דָאס הֵייסְט אַזוֹי וִוי לוּפְט קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואסְפַאַרַא קָאלִיר דָאס הָאט, אוּן וִוי אַזוֹי דָאס קוּקְט אוֹיס, אָבֶער דָאךְ מוּז יֶעדֶער מוֹדֶה זַיין אַז מֶען אָטֶעמְט פוּן דִי לוּפְט יֶעדֶער מִינוּט, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז **פָּשׁוּט בְּתַכְלִית הַפְּשִׁיטוּת** אוּן עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא, נָאר מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין: וָואס, וֶוען, אוּן וואוּ, אוּן עֶס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע נַארִישְׁקֵייט צוּ זוּכְן חָכְמוֹת אוּן דָאס וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין, נָאר מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אוּן וִויסְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער מוּז מֶען זַיין אַ ׳תַּם׳ אוּן אַוֶועקְוַוארְפְן דֶעם שֵׂכֶל אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר הֶערְט מִיר שְׁטֶענְדִיג אוֹיס, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד.

פַארְוָואס קוּמְט מִיר דָאס?! אוּן עֶר כַאפְּט גָארְנִישְׁט אַז אַלֶעס קוּמְט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין, אִים צוּ דֶערְמַאנֶען צוּרִיק צוּקוּמֶען צוּ אִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (עַיֵין בְּהַקְדָמָה, דַף יא ע"ב): טִפְּשִׁים הָאבְּן מוֹרָא פוּן אַ שְׁטֶעקְן, אָבֶּער אַ חָכָם הָאט מוֹרָא פוּן דֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל, וֶוען עֶס גֵייט אוֹיף אִים עֶפֶּעס דוּרְךְ פַּאלְט אוֹיף אִים אַרוֹיף אַ יִרְאָה, גֶעוַואלְד! אִיךְ בִּין דָאךְ אַוֶועק פוּן בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן נָאךְ צוּ זוּכְן וָואס עֶר טוּהְט, אוּן וָואס עֶר דַארְף פַארֶעכְטְן, אוּן אַזוֹי קוּמְט עֶר גְלַייךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ פַּאסְטוּךְ וָואס עֶר זִיצְט מִיט דִי שָׁאף, אוּן דִי שָׁאף פַּאשֶׁען אַרוּם אוּן אַרוּם, פְּלוּצְלִינְג בַּאמֶערְקְט דֶער פַּאסְטוּךְ אַז אֵיין שֶׁעפֶּעלֶע פֶעלְט, עֶר אִיז פַארְקְרָאכְן, נֶעמְט עֶר גְלַייךְ זַיין פַּייפֶּערְל אוּן עֶר הֵייבְּט אָן בְּלָאזְן כְּדֵי דִי שֶׁעפֶּעלֶע זָאל דָאס הֶערְן אוּן צוּרִיקוּמֶען, אוּן אוֹיבּ אִיז דִי שֶׁעפֶּעלֶע נָאךְ נִישְׁט צוּ וַוייט, אוּן עֶר הֶערְט נָאךְ דֶעם

קוֹל, קוּמְט עֶר טַאקֶע גְלַייךְ צוּרִיק, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר שׁוֹין פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן וַוייט, אוּן עֶר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט דִי קוֹל פוּנֶעם פַּאסְטוּךְ, פְּרוּבִּירְט עֶר אַבִּיסְל אַרוּם צוּ זוּכְן, אָבֶּער אַז דִי שֶׁעפֶּעלֶע אִיז שׁוֹין נֶעבֶּעךְ גוּט פַארְקְרָאכְן, אִיז עֶר זִיךְ מְיַיאֵשׁ פוּן אִים, צוּפִיל קֶען עֶר מֶער נִישְׁט זוּכְן, וַוייל עֶר וֶועט נָאךְ בַּאלְד פַארְלִירְן אַלֶע שֶׁעף.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ – פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס – כַּבְיָכוֹל דֶער בַּאשֶׁעפֶער זוּכְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן כָּל זְמַן עֶר הֶערְט נָאךְ דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער, קֶען עֶר גְרִינְג צוּרִיק קוּמֶען, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין זֵייעֶר פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט נֶעבֶּעךְ, אַז עֶר הֶערְט שׁוֹין נִישְׁט דֶעם קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר כַאפְּט פֶּעטְשׁ נֶעבֶּעךְ, עֶר פַארְלִירְט גֶעלְט, עֶר וֶוערְט קְרַאנְק, דִי קִינְדֶער וֶוערְן קְרַאנְק, דִי וַוייבּ וֶוערְט קְרַאנְק, אָבֶּער עֶר כַאפְּט בִּכְלַל נִישְׁט אַז דָאס אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין פַארְגֶעסְן דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער, פַארְקֶערְט עֶר הָאט גָאר קַשְׁיוֹת, דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

טַייטְשׁ מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דִי פָּסוּק: **׳תָּעִיתִי כְּשֶׂה אֹבֵד׳** – אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַ פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעטֶע שֶׁעפְּסֶעלֶע, אָבֶּער אִיךְ בֶּעט דִיר אֵיין זַאךְ **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!** זַיי נִישְׁט אַזוֹי וִוי דִי פַּאסְטוּךְ וָואס וֶוען דִי שֶׁעפְּסֶעלֶע אִיז פַארְבְּלָאנְדְשֶׁעט גֶעוָוארְן, הָאט עֶר זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן אִים, נָאר: **׳בַּקֵּשׁ עַבְדֶּךָ׳** זוּךְ מִיךְ אוֹיף רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, פַארְוָואס: **׳כִּי מִצְוֹתֶיךָ לֹא שָׁכָחְתִּי׳** נָאךְ אַלֶעם הָאבּ אִיךְ דִי מִצְוֹת.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ **׳דָוִד הַמֶּלֶךְ׳** נָאכְדֶעם וָואס עֶס אִיז אוֹיף אִים אַזוֹיפִיל דוּרְךְ אִין זַיין לֶעבְּן, וָואס פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים, וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן מִיט אַזַא מִין מוֹרָא׳דִיגְן הוֹיכֶע רוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז יֶעדֶער טְרֶעפְט זִיךְ אִין דֶעם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), דָאךְ דִי לֶעצְטֶע זַאךְ וָואס עֶר בֶּעט זִיךְ [אִינֶעם לֶעצְטְן פָּסוּק וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט אִין זַיין לֶעבְּן], אִיז נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵויינִיגֶער, נָאר אַז עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט אוּן פַארְלוֹירְן, אָבֶּער דָאךְ בֶּעט עֶר זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זוּךְ מִיר, וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ הָאבּ דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ בִּין מְקַיֵּים".**

זָעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען הָאט, אַז נִישְׁט דְרֵייט מֶען זִיךְ אַרוּם וִוי אַ פַארְלוֹירֶענֶע שֶׁעפֶּעלֶע אוּן רוֹב טָאג אוּן נַאכְט גֵייט דוּרְךְ מִיט גָארְנִישְׁט[1].

---

[1]אָבֶּער וִויבַּאלְד רוֹב מֶענְטְשְׁן זוּכְן ווִילְדֶע זַאכְן, הוֹיכֶע זַאכְן, עֶר ווִיל זֶעהְן 'אוֹרוֹת', אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע עֲבוֹדוֹת אוּן מָאדְנֶע פַאקְסְן וְכוּ' וְכוּ', דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן שְׁטֶענְדִיג קוּקְט עֶר אַז יֶענֶער קֶען בַּאוַוייזְן אַזַאלֶעכֶע 'עֲבוֹדוֹת' אוּן 'סִיגוּפִים' וְכוּ', עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ לוֹיפְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגְן אוּן פַארְפִירְן, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא בַּיי יֶעדֶע רִיר, אוּן יֶעדֶער אִיד אִיז פוּל מִיט מִצְוֹת אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ל"ז ע"א): **אַפִילוּ רֵיקָנִין שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן** – אַפִילוּ דִי לֵיידִיגֶע זֶענֶען אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְוֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים. אוֹיךְ דֶער יְרוּשַׁלְמִי זָאגְט (סוֹף מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, פֶּרֶק ט, הֲלָכָה מא): עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין אִיד וָואס הָאט נִישְׁט הוּנְדֶערְט מִצְוֹת יֶעדְן טָאג, פוּן דִי אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס עֶר זָאגְט: בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, אַלֶע בְּרָכוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען, בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, אוֹיךְ אִיבֶּערְן טָאג מַאכְט עֶר פָּאר בְּרָכוֹת אוּן נָאךְ בְּרָכוֹת וֶוען עֶר עֶסְט אָדֶער טְרוּנְקְט, עֶר בֶּענְטְשְׁט, עֶר מַאכְט 'אֲשֶׁר יָצַר', וָואס יֶעדֶע בְּרָכָה אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶע מִצְוָה. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן וָואס עֶר טוּט, אוּן וִוי אָנְגֶעפוּלְט עֶר אִיז מִיט מִצְוֹת יֶעדֶע מִינוּט, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר, עֶר הָאט אַ בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת אוּן עֶר טְשֶׁעפֶּעט דָאס נִישְׁט וְכוּ', וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מוֹרָא'דִיג פְרֵיילִיךְ, נָאר

# ד.

## מִיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה (וַיִּקְרָא א, א): וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה, וַיְדַבֵּר הֲוָיָ"ה אֵלָיו מֵאֹהֶל

פַארְוָואס אִיז זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט מְחַיֶּה מִיט דֶעם? וַוייל זַיין אֱמוּנָה אִיז אִים נִישְׁט גַאנְץ, עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר קֶען נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי פָּשׁוּט'ע זַאכְן. וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה סִימָן א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז גַאנְץ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער.

בִּפְרַט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דָאךְ אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן הִימֶעל אוֹיף יֶעדְן פָּסוּק, אוֹיף יֶעדֶע מִשְׁנָה, אוֹיף יֶעדֶע מַאֲמַר חַזַ"ל בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא וְכוּ' יֶעדֶע הֲלָכָה, וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַגִּלְגּוּלִים, הַקְדָּמָה יז, וְעוֹד): יֶעדֶע פָּסוּק הָאט אִין זִיךְ זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן טוֹיזֶענְט **פְּשָׁטִים, רְמָזִים, דְּרוּשִׁים, סוֹדוֹת [פַּרְדֵּ"ס]**; אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט אַלֶע מַאֲמָרֵי חַזַ"ל.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא'דִיג פְרֵייעֶן אוּן זַיין שְׁטָאלְץ מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס עֶר הָאט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קכה), כָאטְשִׁיג דָאס קוּקְט אִים אוֹיס אַזוֹי פָּשׁוּט, אוּן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְפִירְן פוּן דִי יֵצֶר הָרַע'ס מִצְווֹת צוּ זַיין צוּבְּרָאכְן אוּן הָאבְּן אַ **לֵב נִשְׁבָּר**, וָואס דוּרְכְדֶעם שְׁלֶעפְּט עֶר אִים אַרַיין אִין עַצְבוּת (עַיֵּין לִקוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה, הֲלָכָה ו, מְיוּסָד עַל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א), אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ וֶועט עֶר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, וַוייל עֶר לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם.

מוֹעֵד לֵאמֹר. 'וַיִּקְרָא' שְׁטֵייט מִיט אַן קְלֵיינֶעם אַלֶף, אוּן עֶס לֵיינְט זִיךְ: וַיָּקָר אַ לָשׁוֹן פוּן 'מִקְרֶה' - עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן. וָואס דָא אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן טוּמְאָה (עַיֵין בְּרַשִׁ"י, בְּשֵׁם הַמִּדְרָשׁ רַבָּה א, יג), אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ בִּלְעָם שְׁטֵייט דֶעם אוֹיסְדְרוּק (בַּמִּדְבָּר כג, ד), דָאס וַוייזְט אוּנְז, אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט צוּ אִים אִיז נָאר אַ טֶבַע אוּן אַ 'מִקְרֶה': עֶס הָאט אַזוֹי פַּאסִירְט, וָואס דוּרְכְדֶעם קוּמְט אִים אַ גְרֶעסֶערֶע צָרָה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי תּוֹכָחָה (פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי): אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זָאגְן אַז עֶס אִיז נָאר אַ 'קֶרִי', עֶס אִיז פֶּערְצוּפַאל אַזוֹי גֶעשֶׁעהְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן נָאךְ אוּן נָאךְ צָרוֹת נֶעבֶּעךְ, אַלֶעס וַוייל דוּ דִינְסְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אַן אוֹיפְגֶעלֵייגְט הַארְץ (דְבָרִים כח, מז), אוּן דוּ כַאפְּסְט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ, אוּן נָאר צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער פָּסוּק גֶעשְׁרִיבְּן אַ קְלֵיינֶעם א', אִין דֶעם וָוארְט וַיִּקְרָא, צוּ וַוייזְן אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס

גֶעשֶׁעהְט, אִיז דָא אִין דֶעם בַּאהַאלְטְן אַן ׳אַלֶף׳, דֶער ׳אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם׳ – דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין, וָואס עֶר אִיז דֶער הַאר פוּן דִי וֶועלְט.

דֶער בַּעַל-שֵׁם-טוֹב-הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (עַיֵּין תּוֹלְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף, רֵישׁ פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית), אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, ט): **אָ׳מַר א׳וֹיֵב אֶ׳רְדֹּף אַ׳שִּׂיג אֲ׳חַלֵּק שָׁלָל,** אַז אִין דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער אִיז דָא פוּנֶעף מָאל אִין אַ רֵייעֶ דִי אוֹת ׳אַלֶף׳, וַוייל אַמָאל אִיז שׁוֹין אַ מֶענְטְשׁ אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַז דֶער יֵצֶר-הָרַע [וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא פַאְרן מֶענְטְשׁ] זָאגְט אִים: אִיךְ הָאבּ דִיךְ שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין נֶעץ. דָאךְ דַארְף מֶען זַיין שְׁטַארְק אוּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, נָאר וִויסְן אַז אַפִילוּ דָארְט אִיז אוֹיךְ דֶער אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּאהַאלְטְן, אוּן עֶס אִיז דָא דָארְט אוֹיךְ פוּנֶעף אַלֶף׳ס[1], אוּן אַז אַ אִיד וֵוייסְט אַז דֶער

[1] עֶס אִיז דָא פוּנֶעף אוֹתִיוֹת אִין דִי אַ-ב וָואס זֶענֶען עֶנְדֶעס: ם-ן-ץ-ף-ך [מַנְצְפַּ״ךְ], וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף דִינִים, וַוייל בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע אוֹתִיוֹת קֶען מֶען צוּ שְׁרַייבְּן נָאךְ אַן אוֹת, אָבֶּער אַז מֶען שְׁרַייבְּט אֵיינֶע פוּן דִי עֶנְדֶע אוֹתִיוֹת, פַארְמַאכְט דָאס דֶעם וָוארְט, אוּן עֶס קוּמְט צוּ אַן עֶנְדֶע, אוּן מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁרַייבְּן מֶער, וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף

בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אִים, אוּן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, קֶען עֶר פוּן אַלֶעם אַרוֹיסְגֵיין.

## ה.

**וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה** – אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן צוּ מֹשֶׁה. פְרֶעגְט דֶער **זֹהַר הַקָדוֹשׁ** (תְּרוּמָה דַף קנז ע״א; וְעַיֵין אוֹר הַחַיִים הַקָדוֹשׁ עַל פָּסוּק זֶה): עֶס שְׁטֵייט דָאךְ נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט אִים גֶערוּפְן? [ח]נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִיבֶּערָאל, רוּפְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ שְׁטֶענְדִיג, אָבֶּער נִישְׁט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ כַאפְּט דָאס אוֹיף, אוּן נִישְׁט יֶעדֶער הֶערְט דָאס,

---

׳דִין׳, מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין וַוייטֶער, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי טוּמְאָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט, עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין וַוייטֶער, דָאךְ אִיז אָבֶּער אַקֶעגְן דֶעם דָא פוּנֶעף אַלֶף׳ס, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז שְׁטֶענְדִיג אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט אִים, אוּן עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין.

[ח]וֶועגְן דֶעם וֶוען דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ אִין חֵדֶר, הֵייבְּט מֶען אָן מִיט פַּרְשַׁת **וַיִקְרָא** (וַיִקְרָא רַבָּה ז, ג), אוּן דֶער מִנְהָג אִיז אַז דֶער מְלַמֵד זָאגְט: **וַיִקְרָא אֶל מֹשֶׁה** – אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן צוּ מֹשֶׁה. אוּן עֶר פְרֶעגְט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ: וֶוער הָאט אִים גֶערוּפְן? פַּייוִויש דֶער שַׁמָשׁ אִין שׁוּהְל אַרַיין? אוּן אַלֶע קִינְדֶער שְׁרַייעֶן: נֵיין! וְכוּ׳ וְכוּ׳, וָואס אִין דֶעם לִיגְט דֶער גַאנְצֶער אִידִישְׁקֵייט, אַז מֶען לֶערְנְט מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער לוֹיט דִי מְסוֹרָה וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן דִי טַאטֶע אוּן דִי זֵיידֶע אוּן דִי עֶלְטֶער זֵיידֶע.

נָאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס יָא גֶעהֶערְט, אוּן אִין דֶעם לִיגְט די גַאנְצֶע סוֹד פוּן נְבוּאָה.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן צח, סְעִיף א): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין פַארְן דַאוֶוענֶען בִּיז עֶר קוּמְט צוּ, צוּ אַזַא דְבֵיקוּת אִין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אִיז נָאנְט צוּ נְבוּאָה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט אִים דֶער מֹחַ אַזוֹי רֵיין, בִּיז עֶר זֶעהְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז די הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַז עֶר וֵוייסְט: אִיךְ לֶעבּ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט דָא (רַשִׁ״י בְּשֵׁם תּוֹרַת כֹּהֲנִים א, ב): אַז די קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען נָאר צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן נָאר עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אָבֶּער אַלֶע אִידְן נִישְׁט.

כָאטְשִׁיג אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶע׳מַלֶ׳עט, אוּן מִיר אַלֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט 'אַלֶף-בֵּית' אִין חֵדֶר, דָאךְ כַאפְּט אַ

גְרוֹיסֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אֵיינֶער אִינֶעם צְוֵוייטְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כ"א): דִי דַעַת אוּן שֵׂכֶל וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער, אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ דֶער יַם (יְשַׁעְיָה יא, ט), פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער יַם זֶעהְט אוֹיס פוּן אוֹיבְן גְלַייךְ, אָבֶּער אִין דִי טִיפֶענִישׁ אִיז דָא אַ רִיזִיגֶע חִילוּק, אָנְפַאנְג אִיז נָאר אַבִּיסְל טִיף, אָבֶּער אִינְמִיטְן וַואסֶער קֶען אַמָאל זַיין הוּנְדֶערְטֶער מַייל טִיף בִּיזְן תְּהוֹם, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אִין 'אֱמוּנָה' אַלֵיין זֶענֶען אַלֶע אִידְן גְלַייךְ, וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אֱמוּנָה, אָבֶּער אִין דִי 'הַשָׂגָה' וִויפִיל יֶעדֶער אִיז מַשִׂיג, אוּן וִויפִיל עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדְן רִיר, דָארְטְן אִיז שׁוֹין יָא דָא אַ חִילוּק, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעלוֹיטֶערְט, אוּן עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה אַז עֶס אִינְטֶערְסִירְט אִים שׁוֹין גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר הֶערְט דֶעם קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס רוּפְט אִים, אָבֶּער אַן אַנְדֶערֶער וָואס הָאט נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעהָארֶעוֶועט אוּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶערְט דָאס נִישְׁט.

ו.

אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֵייט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דִי אַלֶע קָרְבָּנוֹת וָואס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אוֹיבּ מֶען הָאט חָלִילָה וְחַס גֶעזִינְדִיגְט, און מֶען זֶעהְט בַּיי דֶעם דִי מוֹרָא׳דִיגֶע רַחְמָנוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָרֶעם אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען אַ בְּהֵמָה, זָאל עֶר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר עֶר זָאל בְּרֶענְגֶען אַן עוֹף, און מֶען נֶעמְט דִי גַאנְצֶע עוֹף מִיט דִי פְלִיגְלֶען און דִי פֶעדֶערְן, און מֶען לֵייגְט עֶס אוֹיפְן מִזְבֵּחַ און אַזוֹי פַארְבְּרֶענְט מֶען עֶס.

זָאגְט רַשִׁ״י (וַיִקְרָא א, יז): עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע גְרוֹיךְ וִוי וֶוען מֶען פַארְבְּרֶענְט פֶעדֶערְן, דָאךְ הָאט דֶער פָּסוּק גֶעהֵייסְן צוּ פַארְבְּרֶענֶען אַזוֹי, כְּדֵי דִי מִזְבֵּחַ זָאל אוֹיסְקוּקְן שֵׁיין אָנְגֶעפוּלְט מִיט דִי קָרְבָּן פוּנֶעם אָרִימַאן; עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ קְלֵיין פֵייגֶעלֶע, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶען זָאל עֶס נֶעמֶען און מַקְטִיר זַיין מִיט דִי פֶעדֶערְן צוּזַאמֶען, כָאטְשִׁיג עֶס הָאט אַ שְׁלֶעכְטְן גְרוֹיךְ און דָאס אִיז דִי נַחַת רוּחַ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.

װֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז דָאס קוּמְט אוּנְז אוֹיךְ װַויִיזְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אָרֶעם בְּרוּחָנִיוּת, אוּן עֶר פִילְט זִיךְ אַזוֹי צוּקְלַאפְּט אוּן צוּבְּרָאכְן, זָאגְט מֶען אִים פוּן הִימְל: זָאלְסְט דִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעהְט דַיין צוּבְּרָאכְן הַארְץ, אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס דוּ טוּסְט, אוּן דָאס אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשוּב.

חַזַ״ל פַארְצֵיילְן (עַיֵין חוֹמַת אֲנָךְ פַּרְשַׁת צַו, וּבְקַב הַיָשָׁר פֶּרֶק ז):
רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, אִינְמִיטְן שְׁפִּירְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטְן גְרוֹיךְ פוּן אַ גֶע׳פֵּגֶר׳טְן פֶערְד וָואס עֶס אִיז גֶעלִיגְן דָארְט, אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְשְׁטָאפְּן דִי נָאז, אָבֶּער אֵלִיָהוּ הַנָבִיא לַאכְט, שְׁפֶּעטֶער אַבִּיסְל זֶעהְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי וִוי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא פַארְשְׁטָאפְּט זִיךְ דִי נָאז, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְן גְרוֹיךְ, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי עֶס קוּמְט אַקֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַלֶע חָשוּבֶע לְבוּשִׁים, אוּן וֶוען יֶענֶער גֵייט דוּרְךְ נֶעמְט אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אַרָאפּ דִי הֶענְט פוּן דִי נָאז, אוּן

עֶר רוּפְט זִיךְ אָן: דִי גַאוָוה שְׁטִינְקְט פוּן אִים מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגְן שְׁלֶעכְטְן רֵיחַ.

דָאס אִיז אָבֶּער אַזַאךְ וָואס קֵיינֶער קֶען נִישְׁט וִויסְן, און אַפִילוּ רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי וָואס אִיז אַרוּיף לֶעבֶּעדִיג אִין הִימְל (כְּתוּבּוֹת דַף עז ע״ב), הָאט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט, נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵיין וֵוייסְט דָאס, אוֹיךְ אֵלִיָהוּ הַנָבִיא הָאט דָאס גֶעווּאוּסְט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (סוֹטָה דַף ה ע״א): אוֹיף אַ בַּעַל גַאֲוָה זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: אִיךְ מִיט אִים קֶענֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אִינְאֵיינֶעם. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי אִיךְ! ׳אֲנִי׳ אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶּער (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כב).

ז.

וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה וְהוּא עֵד אוֹ רָאָה אוֹ יָדָע, אִם לוֹא יַגִּיד וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ (וַיִקְרָא ה, א). טַייטְשׁ דֶער זֹהַר הַקָדוֹשׁ אוֹיס דֶעם פָּסוּק (וַיִקְרָא דַף יג ע״ב) ׳וְנֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא׳? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווּאוּנְדֶערְט זִיךְ: וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִיד

זִינְדִיגְן? 'וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה' - פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען הָאט עֶר דָאךְ גֶעהֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען בַּאשְׁוֶוערְט אִים, עֶר זָאל זַיין אַ 'צַדִיק'. 'וְהוּא עֵד' - אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט זַיין אַ צַדִיק (עַיֵין נִדָה דַף ל ע"ב). 'אוֹ רָאָה' - אוֹיךְ הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן אַלֶע עוֹלָמוֹת אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים, כְּדֵי עֶר זָאל זֶעהְן וָואס עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָן אוּן עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועט עֶר זַיין אוֹיבְן דִי חָשׁוּבְ'סְטֶער מֶענְטְשׁ. 'אוֹ יָדַע' - אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט דָאס זֵייעֶר גוּט. אֵיי וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער יֵצֶר הָרַע אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט?! דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַפִילוּ מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אִיז נָאךְ דָא אֵיין עֵצָה, דָאס אוֹיסְצוּרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן?! זַיי מִיר מוֹחֵל! אָבֶּער אַז מֶען טוּט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט, דֶעמָאלְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דָאס עֶנְדִיגְט דֶער פָּסוּק צוּ: 'אִם לוֹא יַגִּיד, וְנָשָׂא

עֲוֹנוֹ׳ – דֶער עִיקָר טַעְנָה אִיז, פַארְוָואס הָאסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מִתְוַודֶה גֶעוֶועןְ.

דֶער נָבִיא הוֹשֵׁעַ זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג): **קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳.** זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲזַ״ל (שְׁמוֹת רַבָּה לח, ד): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בֶּעט נִישְׁט פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן, נָאר וֶוערְטֶער; עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, אַז אַ מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט אַפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים, נָאר עֶר בֶּעהְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶען אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט מִיד בִּיז עֶר זֶעהְט אַ יְשׁוּעָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אִיז מַסְבִּיר (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת מִילָה, הֲלָכָה ה, אוֹת ד–ח): אַז אַמָאל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן וִוילַאנְג עֶר בַּאקוּמְט זַיין יְשׁוּעָה, וַוייל וִויבַּאלְד עֶר דַארְף הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, דַארְף עֶר הָאבְּן צוּ דֶעם אַ גְרוֹיסֶער ׳כֵּלִי׳, וָואס דִי כֵּלִי אִיז ׳תְּפִלָּה׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד), כָּאטְשִׁיג דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ ׳יוֹדֵעַ מַחְשָׁבוֹת׳, אוּן עֶר וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף, אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס

דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען? נָאר 'תְּפִלָּה' אִיז דִי 'כְּלִי' פוּן וואוּ דִי 'שֶׁפַע' קוּמְט אַרָאפּ צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְּבָרִים א, יא): **וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם** - דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לוֹיט וִויפִיל דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ אִים.

## ח.

**וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי הֲוָיָ"ה וְנִסְלַח לוֹ וְכוּ'** (וַיִּקְרָא ה, כו), נָאכְדֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט וִוי מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען אַלֶע קָרְבָּנוֹת, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל דֶעם מֶענְטְשׁ דוּרְכְן כֹּהֵן, שְׁטֵייט דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער (שָׁם): **לְאַשְׁמָה בָהּ**. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת גְזֵילָה, הֲלָכָה ה' בְּסוֹפוֹ): **'לְאַשְׁמָה בָהּ'** אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: **לָ'אֵל אַ'שֶׁר שָׁ'בַת מִ'כָּל הַ'מַעֲשִׂים, בַּ'יוֹם הַ'שְׁבִיעִי**; אוּן עֶר אִיז דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר. זָאגְן צַדִיקִים (עַיֵּין תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה, סוֹף פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא): דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן, אַז הַיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִקְדָשׁ אוּן מֶען קֶען נִישְׁט מַקְרִיב זַיין קַיין קָרְבָּנוֹת, הָאבְּן מִיר אָבֶּער דֶעם שַׁבָּת, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ פְרֵיידְט זִיךְ שַׁבָּת, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת

(שַׁבָּת קי״ח ע״ב). אוֹיךְ זָאגְן חַזַ״ל (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): **כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיוֹת** - אַז אַ מֶענְטְש אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי עֶר פַּאסְט טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים[ט].

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן לב): דֶער בַּאשֶׁעפֶער בֶּעט נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְש (שְׁמוֹת טז, כה), נָאר צוּ עֶסְן אוּן זַיין פְרֵיילֶעךְ אִין שַׁבָּת! אוּן מִיר זֶענֶען אַזַאלֶעכֶע בַּטְלָנִים אַז דָאס קֶענֶען מִיר שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט מְקַיֵּים זַיין. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נז; רעז): דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז אֵיין שְׁטִיק 'אֱלֹקוּת' אוּן אֵיין שְׁטִיק 'קְדוּשָּׁה', אוּן דָאס אִיז מְכַפֵּר אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן אַ תִּיקוּן אוֹיף חִילוּל שַׁבָּת. דָאךְ זֶעהְט מֶען וִוי שְׁוֶוער דָאס קוּמְט אָן, וַוייל דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֵוייסְט אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְש וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, קֶען עֶר

---

[ט] וַוייל אוֹיף יֶעדְן חֵטְא וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט פַאסְטְן אַ גֶעוִויסֶע צָאל תַּעֲנִיתִים (עַיֵּין שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, תִּיקוּן כז), אָבֶער אַז מֶען אִיז מְכַבֵּד אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְן שַׁבָּת, אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶוערְט אַרָאפְּגֶערֶעכֶנְט אַלֶע תַּעֲנִיתִים!!!

קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, וַוייל אַלֶע הַשְׁפָּעוֹת פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן פוּן שַׁבָּת (זֹהַר יִתְרוֹ דַף פח ע״א).

וֶועגְן דֶעם פַארְלֵייגְט עֶר זִיךְ דַוְקָא עֶרֶב שַׁבָּת אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, מֶען זָאל זִיךְ אַרוּמְקְרִיגְן אוּן זַיין גֶערֶעגְט, כְּדֵי מֶען זָאל אַרַיין גֵיין אִין שַׁבָּת מִיט בְּרוֹגֶז (עַיֵין מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד אוֹת קמ), אַזוֹי וְוי דִי גְמָרָא דֶערְצֵיילְט (גִיטִין דַף נב ע״א): רֶבִּי מֵאִיר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן וָואס יֶעדְן פְרַייטִיג נָאכְמִיטָאג הָאט מֶען פוּן דָארְט אַרוֹיסְגֶעהֶערְט קוֹלוֹת וְוי דֶער מַאן מִיט דִי וַוייבּ קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם, הָאט זִיךְ רֶבִּי מֵאִיר מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט זִיךְ דָארְט אַרַיינְזֶעצְן לֶערְנֶען עֶרֶב שַׁבָּת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וְוִיבַּאלְד רֶבִּי מֵאִיר אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשֶׁעמְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, נָאךְ דְרֵיי וָואכְן הֶערְט מֶען פְּלוּצְלִינְג אַ קְרַאךְ, אוּן דִי פֶּענְסְטֶער אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעשָׁאסְן, אוּן דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם זָאגְט: וֵויי אִיז פַאר מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ פוּן דָא פַארְטְרִיבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ רֶעגְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אוֹיפְן פָּסוּק (וַיַּקְהֵל לה, ג): **לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ**

בְּכׇל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת, לֵייגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ צוּ אֵיין וָוארְט, אַז דִי פַייעֶר פוּן 'כַּעַס' זָאל מֶען נִישְׁט חָלִילָה אָנְצִינְדְן אִין שַׁבָּת (עַיֵין תִּקוּנֵי זֹהַר, דַף פה ע"א). כָאטְשִׁיג אַ גַאנְצֶע וָואךְ טָאר מֶען אוֹיךְ נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, אַזוֹי וִוי דִי זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּצַוֶּה קפ"ב ע"א): אוֹיפְן פָּסוּק (אִיוּב יח, ד): טֹרֵף נַפְשׁוֹ בְּאַפּוֹ, אַז מֶען פַארְלִירְט רַחְמָנָא לִצְלָן דִי נְשָׁמָה אוֹיבּ מֶען אִיז אִין כַּעַס. דָאךְ אָבֶּער כָאטְשׁ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, נָאר זֶעהְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן אַ פְרֵיילִיכֶע אוּן צוּפְרִידֶענֶע אַטְמָאסְפֶערֶע, אוּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נִישְׁט צוּשְׁטֶערְן דֶעם שַׁבָּת, אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַפְּסוּקִים, פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא): אַז דֶער פָּסוּק (שְׁמוֹת לא, טז): **וְשָׁמְרוּ בְ'נֵי יִ'שְׂרָאֵל אֶ'ת הַ'שַּׁבָּת** אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: 'בִּיאָה'; וַוייל שַׁבָּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה מֶען זָאל מַאכְן פְרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סח): לְעוֹלָם וָואלְט יֶעדֶער אִיד גֶעדַארְפְט זַיין אַ עוֹשֶׁר, נָאר עֶס אִיז דָא אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מִדָה אִין אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אַפִילוּ עֶר וֵוייסְט אַז דָאס וֶועט צוּרִיקְהַאלְטְן פוּן אִים זַיין גֶעלְט,

דָאךְ קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן וֶוען עֶס קוּמְט אִין אִים אַרַיין דִי מִדָה, אוּן דָאס אִיז: כַּעַס, רַחְמָנָא לִצְלָן; וָואס לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעשְׁלָאגְן אִין דֶעם, אוּן וֶוען מֶען הָאט אַ נִסָיוֹן אַז אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט וְכַדוֹמֶה, פַּארְלִירְט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט נֶערְוֶועז אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק וְכוּ׳.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק וָואס נָאכְדֶעם וֶוען אֵיינֶער הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשָׁאלְטְן מִיט אַלֶע מִינֵי קְלָלוֹת, הָאט עֶר יֶענֶעם גֶעפְרֶעגְט: אִיר ווִילְט אַ רֶעסִיט? פְרֶעגְט אִים יֶענֶער מִיט וואוּנְדֶער: וָואס רֶעדְסְטוּ, אִיר זֶענְט מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן?! הָאט עֶר אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען: מִיט דַיין פַארְשֶׁעמֶען הָאסְטוּ דָאךְ מִיר יֶעצְט גֶעגֶעבְּן אַ ׳מִילְיָאן דָאלֶער׳, וֶועגְן דֶעם ווִיל אִיךְ ווִיסְן צוּ דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ אַ רֶעסִיט דֶערְפַאר?

אָבֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ אוֹיס פוּן דִי מִדָה פוּן ׳כַּעַס׳, בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הַשְׁפָּעָה פוּן הִימְל.

## ט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין מִיט אַ שֵׁיינֶער מָשָׁל, פַארְוָואס עֶר זָאגְט אַזוֹיפִיל מוֹרָא׳דִיגֶע ׳תּוֹרוֹת׳ אוּן ׳מַעֲשִׂיוֹת׳ אוּן ״שְׁמוּעֶסְן״, כָאטְשִׁיג מֶען דֶערְקֶענְט נָאךְ נִישְׁט עֶס זָאל אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיפְטוּהְן בַּיי ׳אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ׳ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָאס פַארְצֵיילְט:

אַמָאל אִיז אַ ׳בֶּן מֶלֶךְ׳ גֶעוֶוען זֵייעֶר קְרַאנְק, בִּיז אַלֶע דָאקְטוֹרִים הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען פוּן אִים, אִין צְוִוישְׁן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין גָאר אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר, הָאט זִיךְ דֶער קֶענִיג גֶעבֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל זֶעהְן וָואס עֶר קֶען טוּהְן אוֹיסְצוּהֵיילְן זַיין זוּהְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג: בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אִים אוֹיסְצוּהֵיילְן, אָבֶּער אֵיין עֵצָה קֶען מֶען נָאךְ פְּרָאבִּירְן וָואס דָאס קֶען זַיין אַז עֶס וֶועט אִים קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צוּ אִיךְ זָאל דָאס אוֹיסְזָאגְן, וַוייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ דוּרְכְצוּפִירְן. הָאט אִים דֶער קֶענִיג זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים אוֹיסְזָאגְן דִי עֵצָה,

הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג: דַיין זוּהְן אִיז שׁוֹין אַזוֹי בִּיטֶערְלֶעךְ קְרַאנְק אַז מֶען קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן אִין מוֹיל קַיין אֵיין טְרָאפּ מֶעדֶעצִין, אָבֶער עֶס אִיז פַארְהַאן גָאר אַ טַייעֶרֶער מֶעדֶעצִין וָואס בְּלוֹיז אֵיין קְלֵיין בָּאטְל דֶערְפוּן קָאסְט שְׁוֶועֶרֶע גֶעלְטֶער, אוּן מֶען דַארְף אָנְפִילְן פוּן דֶעם טַייעֶרְן מֶעדֶעצִין פוּלֶע פֶּעסֶער, אוּן נֶעמֶען טֶעפְּלֶעךְ אוּן דָאס אַרוֹיפְגִיסְן אוֹיפְן קְרַאנְקְן זוּהְן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער גַאנְצֶער מֶעדֶעצִין וֶועט גֵיין שָׁאדְן, אָבֶער דָאךְ וֶועט זִיךְ זַיין קֶערְפֶּער אַ טְרָאפֶּעלֶע שְׁטַארְקְן, אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ זַיין אַז מֶען וֶועט אַזוֹיפִיל גִיסְן וֶועט אֶפְשָׁר אֵיין טְרָאפּ אַרַיין גֵיין אִין אִים אַלֵיין אוֹיךְ, וֶועט עֶר הָאבְּן אַ 'רְפוּאָה שְׁלֵימָה'. הָאט דֶער קֶענִיג גְלַייךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען מֶען זָאל דָאס טוּהְן, אוּן דֶער בֶּן מֶלֶךְ הָאט טַאקֶע גֶעהַאט אַ רְפוּאָה.

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: וְויבַּאלְד מִיר זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶעךְ אַזוֹי בִּיטֶער קְרַאנְק בְּרוּחָנִיוּת, מוּז דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דֶער גְרוֹיסֶער פְּרָאפֶעסָאר אוּנְז זָאגְן אַזוֹיפִיל תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיבֶּערְ'חַזֶר'ן נָאכְאַמָאל אוּן

נָאכְאַמָאל, עֶס זָאל זִיךְ אִין אוּנְז אָנְקְלֶעבְּן עֶפֶּעס אַ גוּטֶער רֵיחַ, כָאטְשִׁיג עֶס קוּקְט אוֹיס אַז כִּמְעַט אַלֶע וֶוערְטֶער גֵייעֶן שָׁאדְן חַס וְשָׁלוֹם אוּן עֶס טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, דָאךְ קֶען זַיין אַז מִיט דִי צַייט וֶועט אַרַיין גֵיין אִין אוּנְז אֵיין טַייעֶרֶער טְרָאפּ טִיף טִיף, וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה בְּרוּחָנִיוּת אוּן בְּגַשְׁמִיוּת (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שצא).

דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן פוּן ׳אֱמוּנָה׳ אוּן זִיךְ נָאר מְחַזֵק זַיין, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר שֵׁיינְקַייט פוּן אַ אִיד, אַז עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים וָואס עֶר מַאכְט מִיט, לֵיידֶער אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן מִיט אָרֶעמְקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס חַזַ״ל זָאגְן אוֹיף דֶעם (עֵירוּבִין מ״א ע״ב): אָרֶעמְקֵייט מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ פַארְלִירְן דֶעם שֵׂכֶל.

אָבֶּער אַז מֶען הָאט דִי רִיכְטִיגֶע הִתְחַזְקוּת, וֵוייסְט מֶען אַז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט דַוְקָא יֶעצְט וֶוען מֶען הָאט אַזַא ׳לֵב נִשְׁבָּר׳, אוּן מֶען אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן אִיז דִי בֶּעסְטֶע צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קִיב): וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט דַארְף אַגַאנְץ לֶעבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל אַמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן אַ אֱמֶת וָוארְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מְחַבֵּר סֵפֶר 'בִּיאוּר הַלִיקוּטִים' עַל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן, לְמָשָׁל עֶר אִיז אָרֶעם, עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט דָאס בַּאצָאלְן, אוּן עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס קוּמְט אַרוֹיס דֶער 'דִיבּוּר אֱמֶת'. דָאס הֵייסְט דַוְקָא וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, יֶעצְט בִּין אִיךְ אַזוֹי צוּמִישְׁט אַז אִיךְ קֶען נִיטְאַמָאל דַאוֶוענֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ חוֹבוֹת, אָדֶער אִיךְ בִּין לֵיידֶער זֵייעֶר בִּיטֶער דוּרְךְ גֶעפַאלְן, דַארְף עֶר וִויסְן: נֵיין! נָאר יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז גוּט צוּבְּרָאכְן אוּן עֶר רֶעדְט דִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיינֶע וֶוערְטֶער מִיט אַ מוֹרָא'דִיגְן אֱמֶת, אוּן עֶס טוּט שְׁפַּאלְטְן אַלֶע הִימְלֶען.

## י.

דֶערְפַאר ווִיבַּאלְד יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן דֶער עִיקָר מִיט ׳שִׂמְחָה׳, סַיי זִיךְ אַלֵיין צוּ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאכְן אוֹיךְ אַ צְוֵוייטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן אוֹיבּ וֶועט מֶען פוּן דִיר שְׁפֶּעטְן זָאלְסְטוּ זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן מוֹרָא הָאבְּן, אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער **רֶבִּי נָתָן** (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת נְפִילַת אַפַּיִם, הֲלָכָה ד, אוֹת ו), טַייטְשׁ אוֹיס דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס אִיז דוּרְךְ אוֹיף דָוִד הַמֶּלֶךְ וֶוען עֶר אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי אָכִישׁ דֶער קֶענִיג פוּן גַת, בִּשְׁעַת עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן שָׁאוּל, וַוייל עֶר הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳ענֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי פְּלִשְׁתִּים, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעזָאגְט פַארְן קֶענִיג אַז ׳דָוִד הַמֶּלֶךְ׳ וָואס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דַיין בְּרוּדֶער ׳גָלְיַת׳ אִיז דָא, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אִין אַ פַארְלֶעגֶענְהֵייט אוּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טוּהְן, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ מַאכְן נַארִישׁ אוּן עֶר הָאט גֶעלָאזְט רִינֶען דִי שְׁפֵּייעֶכְטְץ אוֹיף זַיין בָּארְד, אוֹיךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן טִיר: אָכִישׁ מֶלֶךְ גַת אִיז מִיר

שִׁילְדִיג טוֹיזֶענְט דָאלֶער. הָאט זִיךְ אָכִישׁ אָנְגֶערוּפְן: נֶעמְט אִים אַוֶועק פוּן דָא, פֶעלְט מִיר דֶען מְשׁוּגָעִים? אִיךְ הָאבּ גֶענוּג אִין שְׁטוּבּ (שְׁמוּאֵל–א כא, יא–טז).

זָאגְן אוֹיף דֶעם חַזַ״ל (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, תְּהִלִּים לד), אַז אָכִישׁ הָאט גֶעהַאט אַ צוּדְרֵייטֶע פְרוֹי אוּן אַ צוּדְרֵייטְן טָאכְטֶער, אוּן דָא בְּרֶענְגְט מֶען אִים נָאךְ צוּ, דָוִד הַמֶּלֶךְ וָואס עֶר הָאט זִיךְ נַארִישׁ גֶעמַאכְט?! אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער מִדְרָשׁ (שָׁם; וְעַיֵּין אוֹצַר הַמִּדְרָשִׁים עָמוּד מז): דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעפְרֶעגְט צְוֵויי זַאכְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער: אֵיינְס, פַארְוָואס דַארְף מֶען אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט? אוּן פַארְוָואס דַארְף מֶען דֶעם שְׁפִּין עֶר זָאל מַאכְן שְׁפִּין וֶועבֶּעכְטְץ אוּן נָאכְדֶעם דַארְף מֶען עֶס אַוֶועקְנֶעמֶען? הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט פוּן הִימְל: דָוִד! דוּ וֶועסְט נָאךְ בֵּיידֶע זַאכְן דַארְפְן הָאבְּן, מְמֵילָא פְרֶעג נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן שָׁאוּל אִין אַ מְעָרָה, בִּשְׁעַת דֶער גַאנְצֶער אַרְמֵיי הָאט גֶעזוּכְט דָוִד, אִינְמִיטְן הָאט שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ גֶעדַארְפְט אַרוֹיס גֵיין פַאר זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי מְעָרָה פוּן דָוִד (שְׁמוּאֵל-א כ״ד, ד-ה), הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט פוּן שְׁפִּינֶען וֶועבֶּעכְטְץ אַזוֹי וִוי אַ פוּרְהַאנְג, אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אִינֶעוֵוייגִיג, אוּן שָׁאוּל הָאט אִים נִישְׁט גֶעזֶעהְן, אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, מִיט דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים גֶעוָואלְט וַוייזְן דִי נוּצְן פוּנֶעם שְׁפִּין. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט נַארִישׁ מַאכְן בַּיי דִי פְּלִשְׁתִּים, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ מְשׁוּגָע׳נֶעם.

מִיט דֶעם אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן מַסְבִּיר (שָׁם), וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אוּן אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר יֶעצְט אוֹיךְ פְּרָאבִּירְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער וִוִיבַּאלְד עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ צוּ מַאכְן

נַארִישׁ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַמָאל אִיז אַ מֶענְטְשׁ שׁוֹין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן אַז עֶר קֶען נִישְׁט וֶוערְן סְתַּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, דַארְף עֶר טוּהְן אֶלעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל נָאר מִיט ׳שִׂמְחָה׳ קֶען מֶען נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי ׳סִטְרָא אַחְרָא׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ בִּפְרַט אִין דֶעם חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס יֶעדְן טָאג אִיז אַ יוֹם טוֹב, בִּפְרַט דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֶועלֶעף טֶעג וָואס מֶען לֵיינְט דִי ׳פַּרְשַׁת הַנְשִׂיאִים׳[1], וִוי אַזוֹי דֶער נָשִׂיא פוּן יֶעדֶער שֵׁבֶט הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן, אוּן אַוַודַאי וֶוען עֶס קוּמְט שׁוֹין דֶער סֵדֶר נַאכְט, וָואס דֶעמָאלְטְס מַאכְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ סֵדֶר אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, וַוייל דֶעמָאלְטְס שְׁטַארְקְט זִיךְ דִי אֱמוּנָה, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אוֹיף דֶעם וַוייזְט דָאס וָוארְט ׳סֵדֶר׳, וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: רֶ׳מֶז, דְ׳רוּשׁ, ס׳וֹד, אוּן עֶס פֶעלְט דֶער פ׳ **[פַּרְדֵ״ס]** וָואס דָאס וַוייזְט אוֹיף ׳פְּשַׁט׳, וַוייל פֶּסַח בַּיים סֵדֶר נַאכְט טוּט מֶען אַלֶעס

[1] אוּן דֶער מִנְהָג בַּיי אוּנְז אִיז אַז מֶען לֵיינְט דָאס אִין אַ סֵפֶר תּוֹרָה בְּצִיבּוּר, וַוייל אַזוֹי וֵוייסְט מֶען זִיכֶער אַז מֶען הָאט דָאס גֶעזָאגְט.

אָן קַיין פְּשַט, און דָאס אִיז דֶער עִיקָר מִצְוָה, צו וַוייזְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי פְּשַט פון יֶעדֶע זַאךְ.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דֶער צִירוף פונֶעם שֵׁם יהו״ה אִין דֶעם חוֹדֶשׁ אִין דִי רֵייעֶ, וָואס אִיז מְרוּמָז אִין דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים צ״ו, יא): יִ׳שְׂמְחוּ הַ׳שָּׁמַיִם וְ׳תָגֵל הָ׳אָרֶץ. וַוייל אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ אוֹיבְן, אִיז פְרֵיילִיךְ אונְטְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אַז מֶען אִיז אונְטְן פְרֵיילִיךְ אִיז אוֹיבְן פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ (תְּצַוֶה דַף קפד ע״ב): חֶדְוָה דְּבַר נַשׁ מָשִׁיךְ לְגַבֵּיהּ חֶדְוָה אַחְרָא עִילָאָה – וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ דָא אונְטְן, בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ דורְכְדֶעם אַ הֶעכֶערֶע שִׂמְחָה פון אוֹיבְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צו קוּמֶען צו דֶעם.

~ תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם ~

# הספר
# הקדוש הזה

נדפס לטובת נשמת בעל מחבר
של הספר הזה מאור עינינו,
חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד
קדושת מרן הגה"ק רבי

## אליעזר שלמה

בן רבי

## מנחם זאב

זצוקללה"ה
נלב"ע י"ד שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א
וזוגתו
**אסתר גיטל** תחי',
וילדיהם
**שלמה** ומשפ',
**אלחנן חיים** ומשפ',
**מרים העניא זיסל** ומשפ',
**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**
**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון
בבני חיי ומזוני רוויחא
ויזכו לרות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם
אמן כן יהי רצון


בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com